בס"ד

אחרי קדושים תשפ"ו

גליון 279

# דעם רבינ'ס ליכט



אײַערע קינדער זאָלט איר מודיע זײַן
וואָס דאָ האָט זיך געטאָן (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

### אֲנַן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא

מִיר שְׁטֵייעֶן אִין דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פוּן סְפִירַת הָעֹמֶר וָואס זֵיי זֶענֶען אַ הֲכָנָה מִיט בֶּענְקְשַׁאפְט צוּ בַּאקוּמֶען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה פוּן דָאסְנֵיי. מִיר הַאלְטְן גַאנְץ נָאנְט צוּ פֶּסַח שֵׁנִי אוּן ל"ג בָּעֹמֶר. מִיר וֶועלְן פְּרָאבִּירְן צוּ מְקַשֵּׁר זַיין דָאס אַלֶעס צוּ דִי סֶדְרָה פוּן דֶער וָואךְ.

דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה הֵייבְּט זִיךְ אָן אִין פַּרְשַׁת קְדוֹשִׁים "וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה לֵּאמֹר דַּבֵּר אֶל כָּל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל" זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע רַשִׁ"י אַז פוּן דֶעם וָוארְט אֶל כָּל בְּנֵ"י לֶערְנְט מֶען אַרוֹיס אַז דִי פַּרְשָׁה אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן וֶוען גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל הָאט זִיךְ צוּזַאמֶען גֶענוּמֶען אִין אֵיינֶעם וַוייל "רוֹב גּוּפֵי תוֹרָה תְּלוּיִין בָּהּ" - אִין דִי פַּרְשָׁה שְׁטֶעקְט רוֹב מִצְוֹות פוּן דִי תּוֹרָה אוּן גְלַייךְ הֵייבְּט אָן דִי תּוֹרָה זָאגְן "קְדֹשִׁים תִּהְיוּ" "מוֹרָא הָאבְּן פוּן אַ טַאטֶע מַאמֶע", הִיטְן שַׁבָּת; נִישְׁט דִינֶען עֲבוֹדָה זָרָה א.אוו. דֶערְנָאךְ זָאגְט אָן דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה דִי מִצְוֹות שֶׁבֵּין אָדָם לַחֲבֵרוֹ, לֹא תִּגְנֹבוּ, וְלֹא תְכַחֲשׁוּ וְלֹא תְשַׁקְּרוּ אִישׁ בַּעֲמִיתוֹ, לֹא תַעֲשֹׁק, וְלֹא תִגְזֹל, לֹא תְקַלֵּל, לִפְנֵי עִוֵּר, לֹא תֵלֵךְ רָכִיל בְּעַמֶּךָ. לֹא תִשְׂנָא אֶת אָחִיךָ בִּלְבָבֶךָ, לֹא תִקֹּם וְלֹא תִטֹּר, וְאָהַבְתָּ לְרֵעֲךָ כָּמוֹךָ אֲנִי ה'.





טַייעֶרֶע לֶעכְטִיגֶע קִינְדֶער, מִיר אַלֶע וֵוייסְן אַז אִין דִי טֶעג פוּן סְפִירַת הָעֹמֶר אִיז מֶען זִיךְ נוֹהֵג אֲבֵלוּת אוֹיף דִי פִיר אוּן צְוָואנְצִיג טוֹיזְנְט תַּלְמִידִים פוּן רַבִּי עֲקִיבָא. זֵיי זֶענֶען גֶעוֶוען גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע צַדִּיקִים אָבֶּער זֵייעֶר פְּגַם אִיז גֶעוֶוען אַז זֵיי הָאבְּן נִישְׁט נוֹהֵג כָּבוֹד גֶעוֶוען אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעזֶעהְן אֵיינֶער אוֹיפְן אַנְדֶערְן דִי מַעֲלוֹת אוּן זַיינֶע גוּטֶע זַאכְן, בִּיז סְ'אִיז גֶעוָוארְן צְוִוישְׁן זֵיי אַ שִׂנְאָה אוּן זֵיי זֶענֶען נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן אִין דִי טֶעג פוּן עֹמֶר.

דִי וֶועלְט אִיז דַאן גֶעוָוארְן אִינְגַאנְצְן פִינְסְטֶער אוּן טוּנְקֶל בִּיז רַבִּי עֲקִיבָא אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּ רַבּוֹתֵינוּ שֶׁבַּדָּרוֹם אוּן הָאט גֶעמַאכְט פִינְף נַייעֶ תַּלְמִידִים, אֵיינֶע פוּן זֵיי אִיז גֶעוֶוען רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי. עֶר הָאט זֵייעֶר שְׁטַארְק אָנְגֶעזָאגְט דִי תַּלְמִידִים אוֹיף אַהֲבַת חֲבֵרִים - לִיבּ הָאבְּן אַ חַבֶר, דָאס מֵיינְט קוּקְן נָאר אוֹיף דִי גוּטְס פוּן מַיין חַבֶר אוּן חָלִילָה נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זַיינֶע חֶסְרוֹנוֹת. אֲפִילוּ סְ'דַאכְט זִיךְ מִיר אַז עֶר פִירְט זִיךְ נִישְׁט עֶרְלִיךְ, מַיין זַאךְ אִיז זוּכְן אִין אִים נָאר נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, אַזוֹי וִוי ר' שִׁמְעוֹן זָאגְט אִין זֹהַר הַקָּדוֹשׁ: "אֲנַן בַּחֲבִיבוּתָא תַּלְיָא מִילְּתָא" - אוּנְז דַארְפְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן מִיט דִי חֲבֵרִים אַז עֶס זָאל זַיין צְוִוישְׁן אוּנְז אַהֲבַת חֲבֵרִים.

דֶערְפַאר הָאט זִיךְ ל"ג בָּעֹמֶר אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט דִי מַגֵּפָה אוּן סְ'אִיז מֶער נִישְׁט נִפְטַר גֶעוָוארְן פוּן דִי תַּלְמִידִים. דָאס אִיז אֵיינֶע פוּן דִי גְרוֹיסֶע סוֹדוֹת פוּן דִי שִׂמְחָה פוּן הֵיילִיגְן טָאג ל"ג בָּעֹמֶר. אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פְּרַאוֶועט מֶען גְרוֹיסֶע הִלּוּלוֹת (הִלּוּלָא אוֹיף אַרַאמִישׁ מֵיינְט אַ חֲתוּנָה. וַוייל אִין דֶער טָאג וֶוען ר' שִׁמְעוֹן אִיז נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן הָאט מֶען אוֹיסְגֶערוּפְן: "אַלֶע זָאלְן זִיךְ מִיט פְרֵייעֶן מִיט דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה פוּן ר' שִׁמְעוֹן

וָואס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּ אַזֶעלְכֶע מַדְרֵיגוֹת") ווייל די שִׂמְחָה אִיז אַז ר' שִׁמְעוֹן הָאט אוּנְז אִיבֶּער גֶעלָאזְט אַזַא גְרוֹיסֶע הֵיילִיגֶע סֵפֶר, דֶער סֵפֶר הַזֹּהַר, דָארְטְן אִיז בַּאהַאלְטְן גֶעוַואלְדִיגֶע סוֹדוֹת ווִי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטֶן אִין דֶעם בִּיטֶערְן פִינְסְטֶערְן גָלוּת.

דֶער הֵיילִיגֶער אֲרִ"י הַקָ' הָאט אוֹיךְ אָנְגֶעזָאגְט זַיְינֶע תַּלְמִידִים עֶס זָאל זַיין צְווִישְׁן זֵיי אַהֲבַת חֲבֵרִים, אַזוֹי ווִי עֶס שְׁטֵייט בַּיי מַתַּן תּוֹרָה "וַיִּחַן שָׁם יִשְׂרָאֵל" זָאגְט דִי הֵיילִיגֶע רַשִׁ"י כֻּלָּם כְּאִישׁ אֶחָד בְּלֵב אֶחָד.

דָאס אִיז דֶער עִנְיָן פוּן פֶּסַח שֵׁנִי ווֶען ס'אִיז גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן ווֶעלְכֶע זֶענֶען גֶעוֶוען טָמֵא זֶענֶען זֵיי גֶעקוּמֶען צוּ משֶׁה רַבֵּינוּ עָלָיו הַשָּׁלוֹם אוּן גֶעפְרֶעגְט לָמָּה נִגָּרַע? מִיר ווִילְן אוֹיךְ מַקְרִיב זַיין דֶער פֶּסַח? ר' נָתָן אִיז מַסְבִּיר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לִמּוּד פוּן דֶעם.

אַז אַ מֶענְטְשׁ פְּרָאבִּירְט צוּ דִינֶען דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אָבֶּער ס'גֵייט אִים נִישְׁט, עֶר פַאלְט דוּרְךְ אִין פַארְשִׁידֶענֶע נִסְיוֹנוֹת, אוֹיב אִיז עֶר זִיךְ נִישְׁט מְיַיאֵשׁ חַס וְשָׁלוֹם נָאר עֶר קוּמְט צוּם צַדִּיק אוּן בֶּעט אִים אַ תִּיקוּן דַאן אִיז מֶען מְגַלֶּה פַארְן צַדִּיק מִן הַשָּׁמַיִם אַז ס'אִיז דָא דֶער עִנְיָן פוּן פֶּסַח שֵׁנִי, אַז אַלֶעמָאל קֶען מֶען פַארֶעכְטְן אוּן זִיךְ אוּמְקֶערְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

דֶער הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער זָאל שׁוֹין הֶעלְפְן בִּזְכוּת הַתַּנָּא רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי זָאלְן מִיר אַרוֹיס גֵיין פוּן גָלוּת בְּרַחֲמִים וַחֲסָדִים.

# איין אשה'לע



## פּוּנְקְטְלִיךְ אוֹיסְגֶערֶעכְנְט

חֹדֶשׁ אֲדָר אִיז מַיין טַאטֶע אַהֵיימְגֶעקוּמֶען מִיט אַ 'מִינִי קִיטְשְׁן' (אַ מַאשִׁין צוּ בַּאקְן פְלֵייש) וָואס עֶר הָאט בַּאקוּמֶען אַלְס מַתָּנָה. מַיין מַאמֶע הָאט דָאס אוֹיפְגֶענוּמֶען מִיט אָפֶענֶע אָרֶעמְס נָאכְדֶעם וָואס זִי הָאט שׁוֹין אַ לַאנְג צַייט גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז זִי ווִיל הָאבְּן אַזַא מַאשִׁין.

תַּעֲנִית אֶסְתֵּר הָאט זִיךְ מַיין מַאמֶע אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט אִין קָאךְ פוּן צוּפְרִי בִּיז בַּיינַאכְט צוּ קָאכְן אוּן בַּאקְן אוֹיף יוֹם טוֹב פּוּרִים. זִי הָאט גֶעדַארְפְט צוּגְרֵייטְן אַסַאךְ עֶסְן פַאר אַלֶע גֶעסְט אוּן פָארְפֶעלְקֶער וָואס וֶועלְן קוּמֶען. דִי נַייעֶ מַאשִׁין אִיז אִיר זֵייעֶר צוּנוּץ גֶעקוּמֶען צוּ קֶענֶען גְרִינְגֶער ווִירְטְשַׁאפְטְן.

אִינְמִיטְן קָאכְן הָאט מַיין מַאמֶע אוֹיסְגֶעלָאשְׁן דִי טַאפּ פְלֵייש אוּן אִיז ווַייטֶער גֶעוָוארְן פַארְנוּמֶען מִיט אַנְדֶערֶע פְלִיכְטְן אִין שְׁטוּבּ. מַיין טַאטֶע קוּמְט אַרַיין אִין הוֹיז אוּן שְׁפִּירְט אַ פַארְבְּרֶענְטֶע גֶערוּךְ.

"וָואס בְּרֶענְט זִיךְ צוּ דָא?" הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט בְּשַׁעַת עֶר הָאט בַּאקוּקְט דִי טֶעפּ. "דִי פְלֵייש אִיז פַארְבְּרֶענְט!" הָאט עֶר גֶערוּפְן צוּ מַיין מַאמֶע.

"וֶועלְכֶע פְלֵייש?" הָאט זִי גֶעפְרֶעגְט.

"פוּן טַאפּ."

"וָואס הֵייסְט? כְ'הָאבּ עֶס אוֹיסְגֶעלָאשְׁן."

"כְ'ווֵייס נִישְׁט. ס'בְּרֶענְט אִין גְרוֹיסְן!"

"כְ'מֵיין אַז כְ'בִּין נָאךְ בַּיים קְלָארְן זִינֶען," הָאט מַיין מַאמֶע זִיךְ פַארְטֵיידִיגְט. "כְ'הָאבּ עֶס קְלָאר אוֹיסְגֶעלָאשְׁן."

מַיין טַאטֶע גִיבְּט אַ קוּק אוּן בַּאמֶערְקְט אַ מָאדְנֶע עֶרְשֵׁיינוּנְג, דִי אַלְטֶע עֶלֶעקְטְרָאנִישֶׁע בְּרֶענֶער (גַאז) אוּנְטֶער דִי פְלֵייש אִיז קְרַאנְק. דִי קְנֶעפְּל ווַייזְט אַז ס'אִיז אוֹיסְגֶעלָאשְׁן אָבֶּער אוּנְטֶער דֶעם בְּרֶענְט

עֶס מִיט אַ הֶעלִישְׁן פְּלַאם, סְ'לֶעשְׁט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס. מֶען הָאט גֶעמוּזְט אוֹיסְשְׁטֶעקְן דִי גַאנְצֶע עֶלֶעקְטְרָאנִישֶׁע גַאז אַז סְ'זָאל זִיךְ פַארְלֶעשְׁן.

דִי פָאלְגְנְדֶע טֶעג הָאט מַיין מַאמֶע גֶעמוּזְט אַיינְשְׁטֶעקְן אוּן אוֹיסְשְׁטֶעקְן צוּ אָנְצִינְדְן אוּן אוֹיסְלֶעשְׁן דִי פְּלַאם. אֵיינְמָאל הָאט זִי גֶעזֶען אַ פִּינְק פַייעֶר אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן שְׁטֶעקֶער אוּן מֶער הָאט זִי עֶס נִישְׁט גֶענוּצְט. דִי גַאנְצֶע גַאז אִיז גֶעגַאנְגֶען אַ גַאנְג.

מִיר הָאבְּן שׁוֹין גֶעהַאט גֶעקוֹיפְט אַ פֶּסַחְ'דִיגֶע גַאז אוּן מִיר הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ מִתְפַּלֵל זַיין פַאר אַ נַייעֶ חָמֵצְ'דִיגֶע גַאז. בְּכָל אוֹפָן מַיין מַאמֶע הָאט מַחְלִיט גֶעוֶוען אַז זִי וֶועט נִישְׁט בַּאנַייעֶן דִי נַייעֶ גַאז עֶרֶב פֶּסַח נָאר אוֹיף פֶּסַח אַלֵיין אוּן בִּיזְדֶערְוֵויל הָאט זִי זִיךְ זֵייעֶר גוּט בַּאנוּצְט מִיט דִי נַייעֶ מִינִי קִיטְשְׁן אוֹיף צוּ צוּשְׁטֶעלְן מִיטָאגְס אוּן מַאַכְלֵי שַׁבָּת, אוֹיף חָמֵץ בַּאנוּץ.

דִי לֶעצְטֶע וָואךְ פַאר פֶּסַח הָאט מֶען אַרוֹיסְגֶעטְרָאגְן דִי מִינִי קִיטְשְׁן אִין בַּאלְקָאן וואוּ מֶען הָאט דָארְט גֶעקָאכְט אוּן גֶעוַוארֶעמְט דִי חָמֵץ. צְוֵויי טֶעג פַאר פֶּסַח הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט אַ מֶעכְטִיגֶע קְרַאךְ! דִי מִינִי קִיטְשְׁן הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעהֶערִיגֶע אָרְט אִין בַּאלְקָאן אוּן סְ'הָאט אַרָאפְּגֶעטְרַאסְקֶעט אִיבֶּער דִי שְׁטֵיינֶערְנֶעם עֶרְד.

בָּרוּךְ דַיין הָאֶמֶת... דִי מִינִי קִיטְשְׁן אִיז גֶעשְׁטָארְבְּן!

עֶס הָאט גֶעלֶעבְּט פִיר וָואכְן פוּן דֶעם טָאג וֶוען דִי גַאז אִין קָאךְ הָאט זִיךְ צוּבְּרָאכְן בִּיז מַיין מַאמֶע הָאט בַּאנַייט דִי נַייעֶ גַאז לְכָבוֹד פֶּסַח! אִיז עֶס נִישְׁט קַיין חִידוּשׁ? דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער וָואס אִיז דֶער זָן וּמְפַרְנֵס הָאט גֶעמַאכְט זִיכֶער אַז מִיר זָאלְן הָאבְּן מִיט וָואס צוּ צוּגְרֵייטְן מַאֲכָלִים דֶעם חֹדֶשׁ.




*אין קורצן פון פריער:*

*רבי נתן פארט צום רבי'ן קיין מעדוועדיווקע מיטצוהאלטן די דערהויבענע חתונה פון רבינ'ס טאכטער, די רביצין שרה תחי'. דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט אז ער האט יענעם יאר אסאך געטאנצט צו מבטל זיין די שווערע גזירות פון קאנטאניסטן. רבי נתן בלייבט מיט'ן רבי'ן אויף איבער פסח.*

אצינד ליינט ווייטער:

דער יום טוב פסח איז אריבער אין א דערהויבענעם שטימונג. די שטאט מעדוועדיווקע האט זוכה געווען צו האבן דעם הייליגן רבי'ן צו גאסט ביי זיי. נאך יום טוב האט דער רבי זיך געגרייט זיך ארויסצולאזן אויפ'ן וועג אין באגלייטונג דורך רבי נתן און נאך חסידים. דורכאויס די נסיעה האט רבי נתן געטריי משמש געווען דעם רבי'ן. אויפ'ן גאנצן וועג האבן זיי געהערט פון רבי'ן אסאך שמועסן און וואונדערליכע תורות.

אינמיטן וועג זענען זיי ווידער אריבערגעפארן די שטאט ליניץ און זיך אפגעשטעלט דארט. עס איז

זיי אויסגעקומען צו דאווענען אין די ארטיגע שול און די שטאטלייט האבן געעפנט אויף די געסט פארוואונדערטע אויגן צוקוקנדיג ווי די ברסלב׳ער חסידים ובפרט רבי נתן, דאווענען מיט א קאך און חיות פאטשנדיג מיט די הענט.

דער רבי איז אריין באזוכן דער צדיק הרה״ק רבי גדלי׳ ליניצער זצ״ל, וועלכער האט אויפגעמערקט דעם רבי׳ן איבער די ברסלב׳ער הנהגה זאגנדיג: ״וועו מען גיין אריין צום קעניג אין פאלאץ, גייט מען מיט א פארכטיגע שטילקייט און א דרך ארץ.״ אויף דעם האט דער רבי געענטפערט: ״איך האלט פון די אמאליגע חסידים וואס זענען אריין אין גן עדן מיטן געשמאלצוועטע ארבל!״

רבי נתן איז געווען אזוי איבערגענומען און קאנצאנטרירט פון אלעם וואס ער האט געהערט און מיטגעהאלטן פונעם רבי׳ן דורכאויס די גאנצע נסיעה, אז ער האט אינגאנצן פארגעסן אז אט אט קומט ער אן אהיים און ער וועט ברויכן אפגעבן א ״דין וחשבון״ אויף זיינע מעשים...

דער רבי האט אבער נישט פארגעסן פון זיין באליבטע תלמיד און אים געהייסן: ״דו דארפסט אהיימגיין צו דיר אין שטוב.״ דער רבי האט פארשטאנען זיין פארלעגנהייט און אים געמוטיגט: ״געדענק, א מענטש דארף אין זיין לעבן אדורכגיין א גשר צר מאד – זייער א שמאלע בריק; דער עיקר איז, נישט מורא צו האבן!״

און פונקט ווי ער האט זיך פארגעשטעלט, אזוי איז געווען; רבי נתן האט באקומען א קבלת פנים פון קאלט און ווארעמס... ס׳איז אים נישט גרינג געווען אויסצושטיין די התנגדות קעגן אים, אבער מיט׳ן אויבערשטנ׳ס הילף האט רבי נתן זיך געשטארקט אויף דעם אויך. אינמיטן ווינטער איז שוין רבי נתן פארשיקט געווארן צום זיידן, אבער זיין רביצין האט נאך געוואוינט ביים שווער, אצינד האט אים דער פעטער געהייסן גיין וואוינען אין זיין אייגן הויז מיט זיין רביצין און זיך אליין זארגן אויף פרנסה.

נאך עלף יאר וואס דער פעטער האט אים אויסגעהאלטן מיט אלע זיינע באדערפענישן, האט רבי נתן צום ערשטן מאל געמוזט זארגן פון וואו צו לייגן א שטיקל ברויט צום טיש. פאר די רביצין איז שווער געווען פון א ברייטע ווירטשאפט צו דארפן אראפגיין א סטאנדארט.

צו אלעם ערשט האט רבי נתן געדארפט זוכן א וואוינונג. זיין ערשטע אפציע איז געווען זיך אריבערצוציען קיין ברסלב צו קענען זיין נאנט צום רבי׳ן יעדע מינוט פון טאג, אן דעם וואס ער זאל דארפן קומען צום רבי׳ן בגניבה. פון אויבנאויף האט דאס אויסגעזען ווי א געוואלדיגע פלאן, אבער דער רבי האט אנדערש פארשטאנען און נישט מסכים געווען דערצו. ווייל ס׳איז נישט גלייך די מאטעריעלע פון א תלמיד וואס מוטשעט זיך צו קומען צו זיין רבי, צו א תלמיד וואס איז נאנט צום זיין רבי נאכאנאנד. די תורה און עבודה וואס מען איז קונה נאכ׳ן אריבערגיין מניעות און פלאגעניש, האט גאר א גרויסע חשיבות.

דער רבי האט פארשטאנען אז ווען א תלמיד האט א תשוקה און בענקעניש אנצוקומען צו זיין רבי׳ן, בויעט ער אויף כלים צו קענען מקבל זיין די ליכטיגקייט וואס דער רבי וויל אים אריינשיינען. אויב רבי נתן וועט זיך אריבערציען קיין ברסלב און כסדר זיין מיט אים, וועט ער נישט קענען אנטוויקלען די פאסיגע כלים קונה צו זיין.

אלזא, האט רבי נתן געפונען א וואוינונג אין נעמירוב און ווייטער געבענקט אנצוקומען צום רבי׳ן.

# אַברהמ׳ל קוימען קערער מ׳ט נאַשקע

טײַערע קינדער, ר׳ לוי יצחק פּאַרציילט וועגן דעם רבי׳נס ליכטיגע אידן וואָס מיר האָבן פאַרמאָגט אין אומאַן. די וואָך וועט מען דערציילן וועגן אַ איד וואָס האָט געהייסן, ר׳ אַברהם קוימען קערער און פון אַ איד מאָטיע קאַנעלסקי.

אַברהמ׳ל דער קוימען קערער, ער פלעגט קערן די קוימענס, דאָס איז געווען זיין פּרנסה, שטענדיג האָט ער זיך אַרומגעדרייט מיט אַן אַש אויסגעשמירטן פּנים. [אַמאָליגע צייטן פלעגן אַלע שטיבער האָבן אַ קוימען אויפן דאַך, אַז די הייסע פּאַרע פון דער אויוון וועלכע הייצט די שטוב זאָל אַרויסגיין פונעם קוימען]

קוק וויאַזוי האָבן אונזערע קוימען קערער אויסגעקוקט. ביים אָנהויב התקרבות מיינע, בין איך געווען אַ שבת אין באַרדיטשוב, דעם ערשטן אלול תרע״ד, קומט אַריין אַ ׳קוימען קערער׳ מיט אַ שוואַרצן בעזעם, און לייגט עס אַוועק אינדרויסן, און ער קומט אַריין אין שול און ער שטעלט זיך אַוועק דאַווענען. רבונו של עולם! וואָספאַרא דאַווענען האָט דער קוימען קערער אַראָפּגעלייגט, אַ געשמאַק פון אַ דאַווענען!

מיר האָבן געזען דאָרטן אין באַרדיטשוב ׳עובדי השם׳! און נאָך אַ זאַך האָבן מיר געזען דאָרטן, מיר האָבן געזען אַ מסירות נפש פאַר׳ן רבי׳נס זאַך! זיי האָבן געהאַט עפּעס אַזאַ מין געפיל פאַר׳ן רבי׳ן, דאָס קען מען נישט נאָכמאַכן, אַז ממש זיי האָבן געפילט אַז מען דאַרף זיך מוסר נפש זיין פאַר׳ן רבי׳נס זאַך!



נו, דאָס איז געווען זייער גאַנצער חיות.

עס איז געווען אַ איד וואָס האָט געהייסן נאַשקע קאַנעלסקי, זיין טאַטע האָט געהייסן מאָטיע, דער מאָטיע איז נישט געווען אַזאַ גרויסער ׳עובד׳ אַזוי ווי די ׳עובדים׳ פון אומאַן, ער איז געווען אַ פּשוט׳ער מענטש, אָבער זיין מסירת נפש פאַר׳ן רבי׳נס זאַך וואָס ער האָט געהאַט - דאָס איז געווען מורא׳דיג שטאַרק. ווי אויך האָט ער געהאַט גענוג פּרנסה.

ער פלעגט זיך האַלטן נאָנט און שטענדיג גיין צו ר׳ געצע, ער איז געקומען קיין אומאַן נאָך סכות, ער האָט געקויפט אַ גרויסע וואָגן מיט האָלץ, ער האָט אַוועקגעלייגט אַ זאַק מעל דאָרט אויף דער וואָגן מיט די האָלץ, דערנאָך עס צוגעפירט צו רבי געצע אין שטוב אַריין, האָט געצע געהאַט דערפון אַ האַלבער ווינטער - אַ וואָגן מיט האָלץ מיט אַ זאַק מעל!

ווען ס׳איז געקומען חנוכה, איז מאָטיע געקומען נאָכאַמאָל קיין אומאַן, האָט ער נאָכאַמאָל געברענגט אַ וואָגן מיט האָלץ, מיט אַ זאַק מעל און אַוועקגעלייגט ביי די טיר.

און דער איד איז געווען אַ פּשוט׳ער מענטש! ווען ער פלעגט ליינען ׳ספורי מעשיות׳ - איך ווייס נישט צו ער האָט געקענט די ׳עברי׳ פון די ספורי מעשיות - האָט זיך געגאָסן טייכן טרערן, פון נאַשקע׳ס טאַטע [מאָטיע] האָט זיך געגאָסן ריטשקעס טרערן!

ווען ער האָט געזאָגט די ווערטער פון די ערשטע מעשה ״מען דאַרף זען מיט שכל און מיט חכמה זי

אַרויסנעמען" האָט זיך געגאָסן טרערן! ר' מאָטיע האָט נישט געפילט די טיפקייט וואָס עס ליגט אין די ווערטער, ממילא אַן אַנדערער האָט עפּעס אַ געפיל אין די דאָזיגע ווערטער - 'מיט שכל מיט חכמה', ער האָט דאָך אָבער נישט געהאַט דעם געפיל! אָבער פאָרט האָט ער פאַרגאָסן טרערן, אַזאַ אמונה האָט ער געהאַט אינעם רבי'ן.

על פי רוב פלעגט ער ווען שבת דאַווענען פאַר'ן עמוד, ביז 'שוכן עד'. ער פלעגט זיך מוטשען מיט'ן זען, פלעגט ער האַלטן די סידור נאָענט צו די אויגן, און ס'האָט זיך געגאָסן טרערן פון די אויגן, איך ווייס נישט ווי אַזוי ער



האָט געזאָגט די עברי, ער האָט קיין עברי נישט געקענט... אָבער, טרערן האָט זיך געגאָסן פון די אויגן! איך בין געוואַלדיג נתפעל געוואָרן, געוואַלד און געשריגן, ער איז דאָך אַ פּשוט'ער מענטש.

עס דאַרף זיין אַן אמונה אינעם רבי'ן אַזוי גרויס - אַז מען זאָגט ספורי מעשיות גיסט זיך טרערן פון די אויגן!

מיר זענען געווען אַמאָל שבת ביי אים אין קרעמענטשוק - ביי דעם מאָטיע, איך מיט נאַשקע (טולטשינער) עליו השלום האָבן מיר געזאָגט צו נאַשקע; "נאַשקע, ס'איז אַ לעכטיגער טיש"! נאַשקע האָט אויך אַזוי געזאָגט, ס'איז אַ לעכטיגער טיש, די טיש שיינט - פרייטאָג צונאַכטס איז געווען אַזאַ לעכטיגער טיש!

מאָטיע האָט אַלץ געהאַלטן דעם סידור נאָענט צו די אויגן, ביי 'אזמר בשבחין' האָט זיך געגאָסן טרערן, און ביי 'ויהא רעוא' גיסט זיך טרערן, דער גאַנצער טיש איז געווען פול מיט טרערן!

מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן נאָך די סעודה פרייטאָג צו נאַכט'ס, אין קרעמענטשוק האָט מען זיך געלייגט שלאָפן שפּעט. ווען ס'איז געקומען די צייט פון 'חצות', און מאָטיע דרייט זיך שוין אַרום - מאָטיע איז שוין אויף! מאָטיע קלאַפּט שוין מיט חצות! וואָס טוט זיך דאָ?! אַ פּראָסטער מענטש און עפּעס אַזאַ 'צדיק'! אַ לעכטיגער טיש! עפּעס אַ איש צדיק! אַ איש צדיק!

נאַשקע האָט מיר געזאָגט "ס'איז דאָך אַ לעכטיגער טיש", מאָטיע איז דאָ אַ פּשוט'ער מענטש, און די טיש איז אַ לעכטיגער טיש! ס'איז אַ פאַקט. מיר און נאַשקע זענען געווען אין קרעמענטשוק, זענען מיר געווען ביי אים שבת - ביי דעם מאָטיע, ביי נאַשקע'ס טאַטע, פרייטאָג צונאַכט'ס פאַרברענגט שיין.

נאָכדעם האָט מען געזען פון אים טאַקע גרויסקייטן, ער איז טאַקע געווען אַ 'בחינת צדיק', ער האָט אַוועקגעגעבן מער פון וואָס ער האָט פאַרדינט, די ברייטע 'הכנסת אורחים' וואָס ס'איז געווען ביי אים אין שטוב - 'ביתו פתוח לרוחה'

רבי אברהם שטערנהאַרץ עליו השלום האָט געהאַט פאַר אים שטאַרק דרך ארץ! רבי אברהם האָט געזאָגט; אַז מאָטיע איז אַ באַהאַלטענער מענטש.

אַמאָל איז ער געקומען צו פאָרן קיין אומאַן, און ער איז געווען זייער צוגעלייגט, פרעג איך אים; "מאָטיע פאַרוואָס ביסטו אַזוי צוגעלייגט?" איך בין געווען מיט אים זייער נאָענט, זאָגט ער מיר; "איך בין

אִיצְטֶער אַן אָרִימַאן, אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט צוּ טֵיילְן פַאר צְדָקָה!

מִיר אַרְט נִישְׁט אַז אִיךְ הָאבּ גָארְנִישְׁט, נָאר וֶוען אִיךְ פְלֶעג קוּמֶען קֵיין אוּמַאן, פְלֶעג אִיךְ טֵיילְן" אַלֶע חֲסִידִים הָאבְּן גֶעווּאוּסְט, אַז מָאטְיֶע אִיז דָא ווער גֶעבְּן צְדָקָה, - אוּן הַיינְט קֶען אִיךְ נִישְׁט גֶעבְּן, הָאבּ אִיךְ אַ גְרוֹיסֶע צַעַר, אִיךְ קֶען זֵיי נִישְׁט גֶעבְּן!

"דִי אָרִימֶעלַייט קוּקְן אַרוֹיס אוֹיף מִיר אִיךְ זָאל זֵיי גֶעבְּן, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט, אִיךְ הָאבּ זֵיי נִישְׁט צוּ גֶעבְּן"!

הָאבּ אִיךְ אִים גֶעשְׁטַארְקְט: "פְּרִיעֶר הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער דִיר גֶעפְּרוּאוּווט מִיט דֶעם אַז דוּ הָאסְט יָא גֶעהַאט, אוּן דוּ זָאלְסְט ווִיסְן וָואס צוּ טוּן מִיט דִי גֶעלְט, יֶעצְט פְּרוּאוּווט מֶען דִיךְ אַז דוּ הָאסְט נִישְׁט גֶעלְט! אָבֶּער דוּ וֶועסְט וַוייטֶער הָאבְּן"!

עֶר הָאט טַאקֶע שְׁפֶּעטֶער נָאכְאַמָאל גֶעהַאט פַּרְנָסָה. נָאכְדֶעם הָאט דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְן אִיז מָאטְיֶע גֶעוָוארְן צוּרִיק רַייךְ אוּן עֶר הָאט ווִידֶער אָנְגֶעהוֹיבְּן טֵיילְן צְדָקָה.

*בילד: רבי אברהם שטערנהארץ ביי א חופה*

המשך פון זייט 12

# ס'אִיז בְּלוֹיז דִמְיוֹן – אַלְץ אִיז בְּסֵדֶר!

זֵיי בַּאהַאלְטְן זַאכְן פוּן מִיר..."

"ס'טוּט מִיר וויי! עֶס צוּטְרֵייסְלְט מַיין הַארְץ! אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קֵיין כֹּחַ פַאר דִי אַלֶע כָּבוֹד-שְׁפִּילֶערַייעֶן פוּן דִי שְׁטָאלְצֶע חֲבֵרִים! אִיךְ הָאבּ זֵיי דָאךְ גָארְנִישְׁט גֶעטָאן!"

אַ טָאג שְׁפֶּעטֶער אִיז דָוִד'ל צוּגֶעקוּמֶען צוּ אִים מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט מִיט ווַאוּנְדֶער: "מְנַחֵם, פַארְוָואס קוּמְסְטוּ נִישְׁט אוֹיךְ צוּם 'חֶלְקֵנוּ' חֶבְרָה? ס'אִיז אַ נַייעֶ חֶבְרָה וָואס הָאט זִיךְ גֶעעֶפְנְט נֶעבְּן דַיין הוֹיז, וואוּ יֶעדֶע קִינְד וָואס דֶערְצֵיילְט דְרַיי נִסְיוֹנוֹת וָואס עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעקוּמֶען בַּאקוּמְט אַ זִיסֶע נַאשׁ. אֵיין מָאל בִּין אִיךְ אַהִין גֶעגַאנְגֶען אוּן בַּאקוּמֶען אַ שָׁאקָאלַאד, אוּן דָארְט הָאבּ אִיךְ גֶעטְרָאפְן נַחְמָן אוּן מָרְדְּכַי, אוּן שְׁפֶּעטֶער אִיז שְׁלוֹמִי אוֹיךְ אָנְגֶעקוּמֶען. וָואס אִיז מִיט דִיר? אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז דוּ ווֵייסְט אוֹיךְ דֶערְפוּן?"

מְנַחֵם אִיז גֶעבְּלִיבְּן גֶעפְּלֶעפְט אוּן אִיז גֶעוָוארְן שְׁטַארְק פַארְשֶׁעמְט: "קֵיינֶער טְרַאכְט נִישְׁט שְׁלֶעכְט אוֹיף מִיר. קֵיינֶער רֶעדְט נִישְׁט אוֹיף מִיר. קֵיינֶער הָאט מִיךְ נִישְׁט פַיינְט. קֵיין אֵיין חָבֵר מֵיינְט נִישְׁט שְׁלֶעכְט אָדֶער רֶעדְט אוֹיף מִיר לְשׁוֹן הָרָע. מַיינֶע דִמְיוֹנוֹת הָאבְּן פָּשׁוּט פַארְפִינְסְטֶערְט מַיינֶע מַחֲשָׁבוֹת אוּן גֶעמַאכְט אַזֶעלְכֶע קוֹלוֹת כְּאִילוּ יֶעדֶער הָאט מִיךְ פַיינְט."

מְנַחֵם הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דִי "נַאכְט" מֵיינְט דִי דִמְיוֹנוֹת כְּאִילוּ קֵיינֶער גְלַייכְט אִים נִישְׁט, אוּן "טָאג" אִיז דִי הִתְגַּלּוּת אַז אַלֶע פְּחָדִים זֶענֶען שֶׁקֶר, דִי שְׁרֶעק אוּן דִמְיוֹנוֹת זֶענֶען נִישְׁט אֱמֶת. דָאס אִיז דֶער טַייטְשׁ: "דֶער טָאג לַאכְט פוּנֶעם נַאכְט". וֶוען דֶער טָאג קוּמְט, דָאס הֵייסְט וֶוען עֶר זֶעט דִי גוּטְס וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט מִיט אִים, דֶעמָאלְט לַאכְט עֶר פוּן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט זִיךְ אַיינְגֶערֶעדְט וֶוען ס'אִיז גֶעוֶוען נַאכְט. בֶּאֱמֶת עֶקְזִיסְטִירְן דִי דִמְיוֹנוֹת בִּכְלַל נִישְׁט, אוּן דֶערְפַאר הָאט "דִי נַאכְט נִישְׁט קֵיין נָאמֶען וֶוען דֶער טָאג קוּמְט", וַוייל ס'אִיז אַלֶעס אֵיין שְׁטִיק דִמְיוֹן!

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מִשָּׁנִים קַדְמוֹנִיּוֹת



## מַעֲשֶׂה יא'
## דֶער 'בֶּן־מֶלֶךְ' אוּן דֶער 'בֶּן־שִׁפְחָה'

אוּן עֶר הָאט אַ גְרוֹיסְן זִיפְץ גֶעטָאן: צוּ וָואס [וֶועלְכֶער מַצָּב] אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען, אַז אִיךְ זָאל זַיין אַ קְנֶעכְט?!

הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט (דְהַיְינוּ: דֶער אֶמֶתֶער בֶּן־מֶלֶךְ וָואס עֶר אִיז זַיין הַאר גֶעוֶוען, הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט): וָואסְפַארַא גְדוּלָה [גְרוֹיסְקֵייט] הָאסְטוּ עֶס גֶעהַאט, אַז דוּ זִיפְצְסְט: וָואס [פַארְוָואס] דוּ בִּיזְט דֶערְצוּ גֶעקוּמֶען?!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, אוּן הָאט אִים דֶערְצֵיילְט:

בַּאֲשֶׁר [אַז] עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מֶלֶךְ – הָאט מֶען [אוּן מֶען הָאט] אוֹיף אִים גֶעזָאגְט: אַז עֶר אִיז פַארְבִּיטְן גֶעוָוארְן וְכוּ, כַּנַ"ל [וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]! – (וָוארְן דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם פֶערְד – דָאס אִיז טַאקֶע גֶעוֶוען דֶער [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶער] מֶלֶךְ אַלֵיין – וָואס צוּם אֱמֶת, אִיז עֶר גֶעוֶוען דֶער בֶּן־הַשִּׁפְחָה) – הָאט עֶר [אוּן אַז עֶר הָאט] פַארְטְרִיבְּן זַיין חַבֶר (דְהַיְינוּ: דֶעם אֱמֶתֶן בֶּן־מֶלֶךְ)!

אַמָאל אִיז אִים גֶעקוּמֶען אוֹיף דֶער דֵעָה [גֶעדַאנְק]: אַז עֶר הָאט נִישְׁט רֶעכְט [רִיכְטִיג גֶעטָאן]! – אוּן עֶר הָאט חֲרָטָה גֶעהַאט וְכוּ!

פְלֶעגְט אִים קוּמֶען אִינְזִין [אוֹיפְן גֶעדַאנְק] אַלְץ [אַלֶעמָאל], חֲרָטוֹת תָּמִיד – אוֹיף דֶעם מַעֲשֶׂה־רַע, אוּן אוֹיף דֶער גְרוֹיסֶער עַוְולָה, וָואס עֶר הָאט אַקֶעגְן זַיין חַבֶר גֶעטָאן!

אַמָאל הָאט זִיךְ אִים גֶעחָלוֹמְט: אַז זַיין תִּיקוּן אִיז: אַז עֶר זָאל אַוֶועקְוַוארְפְן דִי מְלוּכָה, אוּן עֶר זָאל גֵיין ווָאוּהִין דִי אוֹיגְן וֶועלְן אִים טְרָאגְן – אוּן דֶערְמִיט וֶועט עֶר פַארְרֶעכְטְן זַיין חֵטְא!

הָאט עֶר דָאס נִישְׁט גֶעוָואלְט טָאן – נָאר סְפְלֶעגְן אִים מְבַלְבֵּל זַיין תָּמִיד, דִי דָאזִיגֶע חֲלוֹמוֹת: אַז עֶר זָאל אַזוֹי טָאן!

בִּיז סְאִיז בַּיי אִים גֶעבְּלִיבְּן אִין דֶער דֵעָה [גֶעדַאנְק]: אַז עֶר זָאל אַזוֹי טָאן!

אוּן עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעוָוארְפְן דִי מְלוּכָה – אוּן [עֶר] אִיז גֶעגַאנְגֶען, ווָאוּ עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען – בִּיז עֶר אִיז אַהֶערְגֶעקוּמֶען!

אוּן הַיינְט זָאל עֶר זַיין אַ קְנֶעכְט?!

אוּן דֶער – הֶערְט דָאס אַלְץ אוּן שְׁוַוייגְט (דְהַיְינוּ: דֶער אֱמֶתֶער בֶּן־מֶלֶךְ וָואס עֶר הָאט גֶעטְרִיבְּן בְּהֵמוֹת – הָאט דָאס אַלְץ אוֹיסְגֶעהֶערְט וָואס דֶער דֶערְצֵיילְט אִים אַלְץ) – אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעטְרַאכְט: אִיךְ וֶועל שׁוֹין וִויסְן וִויאַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן מִיט דִיר!

בַּיינַאכְט – אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד – אוּן הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן עֶסְן אוּן טְרִינְקְן – אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט אִיבֶּערְגֶענֶעכְטִיגְט!

אַקֶעגְן־טָאג [פַארְטָאגְס] – הָאבְּן זֵיי גֶעהֶערְט: דָאס גְרוֹיסֶע גֶעלֶעכְטֶער (הַנַ"ל [וָואס אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט]) – בִּיז אַלֶע בֵּיימֶער הָאבְּן גֶעצִיטֶערְט – סְהָאט גֶעבְּרָאכְן [גֶערַעשְׁט אוּן

זִיךְ גֶעוָואוּרְפְן] אַלֶע בֵּיימֶער (דָאס קוֹל פוּן דֶעם גֶעלֶעכְטֶער)!

הָאט עֶר אִים אָנְגֶערֶעדְט (דְהַיְינוּ: דֶער קְנֶעכְט הָאט אָנְגֶערֶעדְט דֶעם אֱמֶתְן בֶּן־מֶלֶךְ, וָואס עֶר אִיז זַיין הַאר): אַז עֶר זָאל פְרֶעגְן דֶעם מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד: וָואס דָאס אִיז?!

הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט: וָואס אִיז דָאס אַזוֹי אַ [אַזַא] גְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער, נָאנְט צוּ טָאג?!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: דָאס לַאכְט דֶער טָאג אוֹיס, [פוּן] דֶער נַאכְט - וָוארְן דִי נַאכְט פְרֶעגְט [פוּן] דֶעם טָאג: פַארְוָואס אַז [וֶוען] דוּ קוּמְסְט, הָאבּ אִיךְ קַיין נָאמֶען נִישְׁט?!

טוּט [דַאן] דֶער טָאג אַ גְרוֹיס גֶעלֶעכְטֶער! - אוּן דֶערְנָאךְ וֶוערְט טָאג! - אוּן דָאס אִיז דָאס גֶעלֶעכְטֶער וָואס מְהֶערְט נָאנְט צוּ טָאג!

אִיז דָאס בַּיי אִים, אַ גְרוֹיס־וואוּנְדֶער גֶעוֶוען - וָוארְן דָאס אִיז עֶפֶּעס אַ ווִילְדֶע [וואוּנְדֶערְלִיכֶע] זַאךְ, אַז דֶער טָאג לַאכְט אוֹיס דֶער נַאכְט.

([אוּן] פְרֶעגְן וַוייטֶער, הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט, אַז [וֶוען] יֶענֶער עֶנְטְפֶערְט אַזוֹי אַ [אַזַא] לָשׁוֹן).

אִינְדֶערְפְרִי - אִיז ווִידֶער דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען! - אוּן זֵיי הָאבְּן דָארְט גֶעגֶעסְן אוּן גֶעטְרוּנְקֶען!

בַּיינַאכְט - אִיז עֶר ווִידֶער גֶעקוּמֶען - אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעגֶעסְן אוּן גֶעטְרוּנְקְן - אוּן הָאבְּן גֶענֶעכְטִיגְט דָארְט!

בַּיינַאכְט - הָאבְּן זֵיי גֶעהֶערְט, דָאס קוֹל פוּן דִי חַיוֹת - ווִי זֵיי הָאבְּן אַלֶע גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעבְּרוּמְט מִיט ווִילְדֶע [מָאדְנֶע] קוֹלוֹת! - דֶער לֵייבּ הָאט גֶעשְׁרִיגְן - אוּן דֶער לֶעמְפֶּערְט הָאט גֶעבְּרוּמְט מִיט אַ אַנְדֶער קוֹל - אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] דִי אִיבְּרִיגֶע חַיוֹת, הָאט אִיטְלֶעכֶע חַיָה, מִיט אַ אַנְדֶער קוֹל גֶעבְּרוּמְט!

אוּן דִי עוֹפוֹת - הָאבְּן גֶעשְׁוִישְׁטְשֶׁעט אוּן גֶעקְנַאקְט!

אוּן אַזוֹי [אוֹיךְ] אַלֶע - הָאבְּן גֶעבְּרוּמְט מִיט ווִילְדֶע קוֹלוֹת!

אוּן אִין דֶער תְּחִילָה [אָנְהֵייבּ] - זֶענֶען זֵיי זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקְן גֶעוָוארְן - הָאבְּן זֵיי זִיךְ [דֶערִיבֶּער] נִישְׁט רֶעכְט [רִיכְטִיג] צוּגֶעהֶערְט צוּם קוֹל, מַחֲמַת [צוּלִיבּ] פַּחַד.

דֶערְנָאךְ - הָאבְּן זֵיי צוּגֶעבּוֹיגְן דִי אוֹיעֶרְן, אוּן הָאבְּן זִיךְ צוּגֶעהֶערְט - הָאבְּן זֵיי גֶעהֶערְט: אַז דָאס אִיז אַ קוֹל פוּן אַ נִיגוּן - זֵיי זִינְגֶען זֵייעֶר אַ וואוֹילְן [וואוּנְדֶערְלִיכְן] נִיגוּן - וָואס סְאִיז אַ ווִילְד חִידוּשׁ!

הָאבְּן זֵיי זִיךְ נָאךְ מֶער צוּגֶעהֶערְט! - הָאבְּן זֵיי גֶעהֶערְט: אַז סְאִיז אַ ווִילְד וואוֹילֶער [וואוּנְדֶערְלִיכֶער] נִיגוּן - וָואס סְאִיז זֵייעֶר אַ ווִילְד חִידוּשׁ - וָואס סְאִיז אַ ווִילְד [וואוּנְדֶערְלִיכְן] גְרוֹיסֶער תַּעֲנוּג דָאס צוּ הֶערְן - וָואס אַלֶע תַּעֲנוּגִים פוּן דֶער וֶועלְט, זֶענֶען אַלֶע גָארְנִישְׁט, אוּן טְרֶעפְן גָארְנִישְׁט אָן - אַקֶעגְן דֶעם ווִילְד [וואוּנְדֶערְלִיכְן] גְרוֹיסְן תַּעֲנוּג וָואס מְהָאט, אַז [וֶוען] מְהֶערְט דֶעם וואוּנְדֶערְלִיכְן נִיגוּן!

הָאבְּן זֵיי צְווִישְׁן זִיךְ גֶעשְׁמוּעֶסְט [אָפְּגֶעשְׁמוּעֶסְט]: אַז זֵיי וֶועלְן שׁוֹין דָא בְּלַייבְּן - וָוארְן זֵיי הָאבְּן דָא צוּ עֶסְן אוּן צוּ טְרוּנְקְן - אוּן הָאבְּן דָא אַזוֹי אַ [אַזַא] תַּעֲנוּג, וָואס

עֶר אִיז אַזוֹי אַ [אַזַא] חִידוּשׁ – וָואס אַלֶע־עֶרְלֵיי תַּעֲנוּגִים פוּן דֶער וֶועלְט, וֶוערְן גָאר [אִינְגַאנְצְן] בָּטֵל, אַקֶעגְן דֶעם [דָאזִיגְן] תַּעֲנוּג!

הָאט אָנְגֶערֶעדְט דֶער קְנֶעכְט [פַאר] דֶעם הַארְן [הַאר] (דְהַיְינוּ: דֶעם אֱמֶתְן בֶּן־מֶלֶךְ): אַז עֶר זָאל אִים פְרֶעגְן (דְהַיְינוּ: [פוּן] דֶעם מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד): וָואס אִיז דָאס?!

הָאט עֶר אִים גֶעפְרֶעגְט!

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: בַּאֲשֶׁר [אַזוֹי־וִוי] דִי זוּן הָאט גֶעמַאכְט אַ מַלְבּוּשׁ [פַאר] דֶער לְבָנָה – הָאבְּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן אַלֶע חַיוֹת פוּן דֶעם וַואלְד: בַּאֲשֶׁר [אַז אַזוֹי־וִוי] דִי לְבָנָה טוּט זֵיי גְרוֹיסֶע טוֹבוֹת – וָוארְן זֵייעֶר שְׁלִיטָה פוּן דִי חַיוֹת, אִיז זִיךְ דֶער עִיקָר נָאר בַּיינַאכְט – וָוארְן אַמָאל בַּאדַארְפְן זֵיי אַרַיינְצוּגֵיין אִין יִשׁוּב אַרַיין – אוּן בַּייטָאג קֶענֶען זֵיי נִישְׁט – אִיז זִיךְ דֶער עִיקָר זֵייעֶר שְׁלִיטָה נָאר בַּיינַאכְט – אוּן דִי לְבָנָה טוּט זֵיי אַזוֹי אַ [אַזַא שְׁטַארְקֶע] טוֹבָה, וָואס זִי לַייכְט זֵיי בַּיינַאכְט – אִיבֶּערְדֶעם [צוּלִיבּ דֶעם] הָאבְּן זֵיי אַלֶע מַסְכִּים גֶעוֶועְן: אַז זֵיי זָאלְן מַאכְן אַ נֵייעֶם נִיגוּן לְכָבוֹד דֶער לְבָנָה – אוּן דָאס אִיז דֶער [וואוּנְדֶערְלִיכֶער] נִיגוּן וָואס אִיר הֶערְט! – [דְהַיְינוּ: אַז אַלֶע חַיוֹת אוּן עוֹפוֹת, זִינְגֶען אַ נֵייעֶם נִיגוּן, לְכָבוֹד דִי לְבָנָה וָואס זִי הָאט בַּאקוּמֶען אַ מַלְבּוּשׁ פוּנֶעם זוּן]!

וִוי [אַזוֹי־וִוי] זֵיי הָאבְּן גֶעהֶערְט אַז דָאס אִיז אַ נִיגוּן – הָאבְּן זֵיי זִיךְ נָאכְמֶער צוּגֶעהֶערְט – הָאבְּן זֵיי גֶעהֶערְט: אַז סְאִיז זֵייעֶר אַ וואוֹילֶער [וואוּנְדֶערְלִיכֶער] זִיסֶער נִיגוּן, וָואס סְאִיז אַ וִוילְד חִידוּשׁ זֵייעֶר!

הָאט עֶר זִיךְ צוּ זֵיי אָנְגֶערוּפְן (דְהַיְינוּ: דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד): וָואס אִיז דָאס בַּיי אַייךְ אַזוֹי אַ [אַזַא] חִידוּשׁ? אֶלָא־מַאי אִיךְ הָאבּ אַ כְּלִי, וָואס אִיךְ הָאבּ מְקַבֵּל גֶעוֶועְן פוּן מַיינֶע עֶלְטֶערְן – וָואס זֵיי הָאבְּן עֶס גֶעיַרְשְׁט פוּן זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְנְס־עֶלְטֶערְן – וָואס דִי כְּלִי אִיז גֶעמַאכְט גֶעוָוארְן, מִיט אַזוֹינֶע זַאכְן, מִיט אַזוֹינֶע בְּלֶעטְלִיךְ, אוּן מִיט אַזוֹינֶע פַארְבְּן – וָואס אַז [וֶוען] מֶען נֶעמְט דִי [דָאזִיגֶע] כְּלִי – אוּן מֶען לֵייגְט זִי [אַרוֹיף], אוֹיף אַ וָואסֶערֶע [וֶועלְכֶע] בְּהֵמָה, אָדֶער אוֹיף אַ וָואסֶער [וֶועלְכֶע] עוֹף – אַזוֹי הֵייבְּט עֶס תֵּיכֶף אָן צוּ שְׁפִּילְן דֶעם [דָאזִיגְן] נִיגוּן (דְהַיְינוּ: דֶעם נִיגוּן וָואס דִי חַיוֹת הָאבְּן דָא גֶעשְׁפִּילְט)!

דֶערְנָאךְ אִיז וִוידֶער גֶעוָוארְן דָאס [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] גֶעלֶעכְטֶער – אוּן סְאִיז גֶעוָוארְן טָאג – אוּן דֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶעם וַואלְד, אִיז זִיךְ וִוידֶער אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען!

אוּן עֶר (דְהַיְינוּ: דֶער אֱמֶתֶער בֶּן־מֶלֶךְ) אִיז גֶעגַאנְגֶען זוּכְן דִי [אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע] כְּלִי – אוּן עֶר הָאט [דָאס] אוֹיסְגֶעזוּכְט [אַרוּמְגֶעזוּכְט] אִין דֶעם גַאנְצְן חֵדֶר [צִימֶער] – אוּן עֶר הָאט [דָאס] נִישְׁט גֶעפוּנֶען – אוּן [נָאךְ] וַוייטֶער הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט צוּ גֵיין.

אוּן זֵיי (דְהַיְינוּ: דֶער אֱמֶתֶער בֶּן־מֶלֶךְ – מִיט זַיין קְנֶעכְט, וָואס עֶר אִיז דֶער בֶּן־הַשִּׁפְחָה, וָואס פְרִיעֶר אִיז עֶר גֶעוֶוען מֶלֶךְ), הָאבְּן מוֹרָא גֶעהַאט צוּ זָאגְן [פַאר] דֶעם מֶענְטְשְׁן פוּן דֶעם וַואלְד, אַז עֶר זָאל זֵיי פִירְן אִין יִשׁוּב אַרַיין.

נאָמען: ____________



# לאמיר זיך פארהערן



## די עלוּוטע מעשה - דער בן מלך און דער בן שפחה (5)

**א.** **וואס האט דער קנעכט פארציילט פאר'ן אמתע'ר בן המלך?**
- ☐ אז ער איז געווען א קעניג און מ'האט אויף אים געזאגט אז ער איז פארביטן, האט ער פארטריבן זיין חבר דער אמתע'ר בן המלך
- ☐ אז עס פלעגן קומען אויף אים חרטות פארוואס ער האט פארטריבן זיין חבר און ער האט זיך געחלומ'ט אז זיין תיקון איז אז ער זאל גיין וואו אהין זיינע אויגן טראגן אים
- ☐ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב.** **וואס איז די גרויסע געלעכטער וואס זיי האבן געהערט נאכט צו אינדערפרי?**
- ☐ אז דער טאג לאכט פון דער נאכט
- ☐ אז דער נאכט לאכט פון דער טאג
- ☐ אז די זון לאכט פון די לבנה

**ג.** **וועלכע קול האבן זיי געהערט ביינאכט?**
- ☐ די קול פון די חיות ווי זיי ברומען
- ☐ די קול פון די פייגעלעך וואס האבן געשוויטשעטשעט און געקנאקט
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ד.** **לכבוד וועמען האבן די חיות געמאכט די קול ביינאכט?**
- ☐ לכבוד די לבנה וואס לייכט פאר זיי ביינאכט
- ☐ לכבוד די זון וואס לייכט פאר זיי בייטאג
- ☐ לכבוד די שטערן וואס לייכטן ביינאכט

**ה.** **וועלכע כלי האט זיי באוויזן דער מענטש פון וואלד?**
- ☐ א כלי וואס ווען מ'לייגט דאס אויף א בהמה שפילט עס דעם ניגון
- ☐ א כלי וואס ווען מ'לייגט דאס אויף א עוף שפילט עס דעם ניגון
- ☐ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ו.** **האט דער בן המלך געטראפן די כלי אין שטוב פון דער מענטש פון וואלד?**
- ☐ יא
- ☐ ניין
- ☐ יא, אבער ער האט מורא געהאט עס צו נעמען

**ז.** האסטו געלערנט די מעשה פון די וואך?
- ☐ איינמאל
- ☐ צווייטאל
- ☐ איך האב געוואלט



## טיפער געטראכט

דער בן מלך האט געזאגט אדער געטראכט די ווערטער: "אִיךְ וֶועל שׁוֹין וִויסִין וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירִין מִיט דִיר"?

## תשובות אויף די מעשה פון דער בן מלך און דער בן שפחה (3)

לויט וואס מיר האבן געלערנט אין די מעשה – פון וויפיל 'מענטשן' 'זאכן' האט דער אמתע'ר בן מלך מורא געהאט (זיך דערשראקן) ?

אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר אוּן זֵייעֶר גִישְׁרָאקִין פַאר דֶעם סוֹחֵר - וָואִרין מַחְמַת גְרוֹיס פַּחַד וָואס עֶר הָאט גִיהַאט... הָאט זִיךְ אִים גִידַאכְט. אַז דֶער סוֹחֵר וֶועט אִים הַרְגֶענֶען.
אוּן סֶע ווִידֶער גִיוָואִרין נַאכְט. אוּן עֶר הָאט גִיהֶערְט דָאס קוֹל וִוי דִי חַיוֹת בְּרוּמֶען. אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר גִישְׁרָאקִין.
וִוי עֶר אִיז אַרוֹיף אוֹיף דֶעם בּוֹים. הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן. סֶע לִיגְט דָארְט אֵיין מֶענְטְשׁ. הָאט עֶר זִיךְ דֶערְשְׁרָאקְן
אַקֶעגִין טָאג. בִּיז דֶער בּוֹים הָאט גִיצִיטֶערְט פוּן דֶעם קוֹל פוּן דֶעם גִילֶעכְטֶער. אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר דֶער שְׁרָאקִין גִיוָואִרין אוּן הָאט גְרוֹיס פַּחַד גִיהַאט דֶערְפוּן.
דֶערְוַוייל הָאט עֶר בַּאגֶעגִינְט אֵיין מֶענְשְׁן. הָאט עֶר זִיךְ אִין דֶער תְּחִילָה דֶערְשְׁרָאקִין - הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר דֶערְשְׁרָאקִין
וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען נְחָשִׁים וְעַקְרַבִּים הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר אִיבֶּער גִישְׁרָאקִין

**דער געווינער אויף בן המלך ובן השפחה 4 איז הילד החשוב אהרן נחמן זלוטניק נ"י**

**צו ענטפערן די בחינות און ארייגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72 646-585-3040**

# ס'אִיז בְּלוֹיז דִמְיוֹן – אַלְץ אִיז בְּסֵדֶר!



מִיר לֶערְנֶען פוּן דִי מַעֲשֶׂה: אִינְמִיטְן דִי נַאכְט אִיז דֶער וַואלְד-מֶענְטְשׁ גֶעקוּמֶען אוּן זַיי גֶעגֶעבְּן צוּ עֶסְן אוּן צוּ טְרִינְקֶען, אוּן זַיי הָאבְּן דָארְט גֶענֶעכְטִיגְט. פַּארְטָאגְס הָאבְּן זַיי פְּלוּצְלוּנְג גֶעהֶערְט אַ הִילְכִיגְן גֶעלֶעכְטֶער וָואס הָאט גֶעמַאכְט אַלֶע בַּיימֶער צִיטֶערְן אוּן רוּדֶערְן.

דֶער בַּאגְלֵייטֶער פוּנֶעם פְּרִינְץ הָאט זִיךְ אָרוּמְגֶענוּמֶען מִיט מוּט אוּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם וַואלְד-מֶענְטְשׁ: "וָואס אִיז דָאס?"

הָאט עֶר אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דָאס אִיז דֶער טָאג וָואס לַאכְט פוּנֶעם נַאכְט. דִי נַאכְט פְרֶעגְט דֶעם טָאג: 'פַארְוָואס וֶוען דוּ קוּמְסְט אָן, הָאבּ אִיךְ מֶער נִישְׁט קֵיין נָאמֶען?' אוּן דֶערמָאלְט לַאכְט דֶער טָאג אַ גְרוֹיסְן גֶעלֶעכְטֶער, אוּן נָאכְדֶעם וֶוערְט טָאג."

מִיר לֶערְנֶען זִיךְ אַרוֹיס אַ גֶעוַואלְדִיגֶע לֶערְנוּנְג פַארְן לֶעבְּן. מִיר הָאבְּן אָפְּטְמָאל גְרוֹיסֶע דִמְיוֹנוֹת אִין קָאפּ: קוֹלוֹת, שְׁמוּעוֹת, מַחֲשָׁבוֹת, אוּן אַנְטוֹישוּנְגֶען, בִּיז מִיר וֶוערְן מַמָּשׁ צֶעטְרֵייסְלְט דֶערְפוּן אוּן אוּנְזֶער הַארְץ וֶוערְט שְׁוַואךְ אוּן צוּבְּרָאכְן. פְּלוּצְלוּנְג קוּמְט אָן דֶער אִינְדֶערְפְרִי, "דֶער טָאג", אוּן ס'וֶוערְט נִתְגַּלֶּה אַז אַלֶעס אִיז גֶעוֶוען אֵיין שְׁטִיק דִמְיוֹן אוּן לִיגְנְט, אוּן דִי שְׁרֶעקֶעדִיגֶע נַאכְט הָאט בֶּאֱמֶת בִּכְלַל נִישְׁט קֵיין נָאמֶען. דִי קוֹלוֹת וֶוערְן פְּלוּצְלוּנְג פַארְשְׁוִוינְדְן, אוּן דִי גַאנְצֶע רַעַשׁ וֶוערְט פַארְגֶעסְן.

אָנְהֵייבּ חוֹדֶשׁ, וֶוען מְנַחֵם אִיז אַהֵיימְגֶעקוּמֶען, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אִין סְפָרִים גֶעשֶׁעפְט. אוֹיפְן וֶועג הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן זַיין חָבֵר שְׁלוֹמִי מִיט אַ 'שָׁאקָאלַאד' אִין דִי הַאנְט. עֶר הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט מִיט אִים אוּן אִים גֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט יֶעצְט אִין גֶעשֶׁעפְט. וֶוען עֶר אִיז צוּרִיקְגֶעקוּמֶען, זֶעט עֶר זַיינֶע חֲבֵרִים דָוִד'ל, נַחְמָן, אוּן מָרְדְּכַי שְׁפַּאצִירְן אוּן שְׁמוּעֶסְן צוּזַאמֶען. אוּן וָואס הָאבְּן זַיי גֶעהַאלְטְן אִין דִי הֶענְט? שָׁאקָאלַאדְן! מְנַחֵם הָאט זַיי גֶעגֶעבְּן אַ שְׁמֵייכְל אוּן שְׁנֶעל אַהֵיים גֶעלָאפְן.

צוּמָארְגְנְס, וֶוען דִי קִינְדֶער זֶענֶען אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען בַּיי הַפְסָקָה אִין חֵדֶר, זֶעט עֶר וִוי זַיי שְׁטֵייעֶן אִין אַ ווִינְקְל אוּן שְׁמוּעֶסְן. שְׁלוֹמִי, דָוִד'ל, מָרְדְּכַי, אוּן נַחְמָן הָאבְּן גֶעלַאכְט אוּן גֶעשְׁמֵייכְלְט אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן מִיט גְרוֹיס פְרֵייד.

מְנַחֵם אִיז צוּרִיק אַרַיין אִין קְלַאס, גֶעלֵייגְט דֶעם קָאפּ צְוִוישְׁן דִי הֶענְט, אוּן פְּרוּבִּירְט אַיינְצוּהַאלְטְן דִי טְרֶערְן. וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהֵיים, הָאט עֶר אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ גֶעוֵויין פַאר זַיין מַאמֶע: "זַיי זֶענֶען נִישְׁט מַיינֶע חֲבֵרִים! זַיי הָאבְּן מִיךְ נִישְׁט לִיבּ! זַיי מַאכְן פְּלֶענֶער אוּן גֵייעֶן אִיבֶּעראַל צוּזַאמֶען, זַיי קוֹיפְן זִיךְ נַאשׁ, אוּן מִיךְ לָאזְן זַיי אִינְדְרוֹיסְן! וָואס הָאבּ אִיךְ זַיי גֶעטָאן? פַארְוָואס נֶעמֶען זַיי מִיךְ נִישְׁט מִיט? אֲפִילוּ בַּיי הַפְסָקָה הָאבּ אִיךְ זַיי גֶעזֶען שְׁמוּעֶסְן סוֹדוֹת, זַיי ווִילְן נִישְׁט אִיךְ זָאל הֶערְן אוּן

המשך אויף זייט 7

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר מתתיהו ווערטהיימר הי"ו
לרגל הולדת הבן למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר אליעזר פאפנהיים הי"ו
לרגל הולדת הבת למזל טוב

חלק מהוצאת הגליון נתנדב ע"י
הר"ר משה הלל מארק הי"ו
לרגל הולדת הבת למזל טוב